# מוסטער פאליסי אויף רייכערן פאר רעזידענשל געביידע

געביידע/פראפערטי אדרעס:________________________________

עס איז נישט פארהאן קיין זיכערע מאס פון זיין אויסגעשטעלט צו צווייטהאנטיגע רויך. ערוואקסענע וואס רייכערן נישט און זענען אויסגעשטעלט צו צווייטהאנטיגע רויך האבן העכערע ריזיקעס פון סטראוק, הארץ קראנקהייט און לונגען קענסער. קינדער אויסגעשטעלט צו צווייטהאנטיגע רויך האבן העכערע ריזיקעס פון אסטמע אטאקעס, אטעמען קרענק, מיטל אויער קרענק און פלוצלינגדיגע קינדער טויט סינדראם (SIDS). פאר די דאזיגע סיבות, און צו העלפן מענטשן מאכן אינפארמירטע באשלוסן אויף וואו צו וואוינען, פאדערט ניו יארק סיטי אז אייגנטימער פון רעזידענשל געביידעס (אנגערופן אין די דאזיגע פאליסי "אייגנטימער/מענעדשער," וועלכע רעכנט אריין די אייגנטימער פון רעקארד, פארקויפער, מענעדשער, לענדלארד, סיי וועלכע אגענט אדער רעגירנדע קערפערשאפט) אין געביידעס מיט דריי אדער מער רעזידענשל יוניטס זאלן שאפן א פאליסי אויף רייכערן און עס מיטטיילן מיט אלע טענענטס. די געביידע פאליסי אויף רייכערן איז גילטיג פאר יעדע מענטש וואס איז אויף די פראפערטי, אריינגערעכנט געסט.

**באדייטן**

a. **רייכערן:** אריינאטעמען, ארויסאטעמען, ברענען אדער טראגן סיי וועלכע אנגעצינדענע אדער געהייצטע ציגארן, ציגארעטלעך, קליינע ציגאר, פיפקע, וואסער פיפקע אדער האקא, הערבעל ציגארעטל, נאן-טאבאקא רייכערן פראדוקט (צ.ב., מאריואנע אדער נאן-טאבאקא שישא), אדער סיי וועלכע ענליכע פארם פון אנגעצינדענע זאך אדער דיוויס וואס איז ספעציעל געאייגנט צו נוצן אריינצואטעמען רויך

b. **עלעקטראנישע ציגארעטלעך** (אי-ציגארעטלעך): א באטעריע-באנוצטע דיוויס וואס הייצט א פליסיגקייט, דשעל, הערב אדער אנדערע סובסטאנץ און פראדוצירט פארע פאר מענטשן אריינצואטעמען

**רויך-פרייע לופט אקט**

ניו יארק סיטי געזעץ פארבאט צו רייכערן און נוצן אי-ציגארעטלעך פון סיי וועלכע סארט אין אינעווייניגסטע אלגעמיינע פלעצער, אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו, לאביס, קארידארן, טרעפן-צומערן, פאסט צימערן, פיטנעס פלעצער, מאגאזינען, גאראדשעס און לאנדרי צימערן אין סיי וועלכע געביידע מיט דריי אדער מער רעזידענשל יוניטס. NYC אדמינ. Code, § 17-505.

**פאליסי אויף רייכערן**

רייכערן איז נישט ערלויבט אין די פלעצער וואס זענען באצייכנט ווייטער (באצייכנט אלע קעסטלעך וואס זענען גילטיג). *אפילו אויב קיין קעסטלעך זענען נישט געצייכנט, טוט די פריי-פון-רויך לופט עקט פארבאטן צו רייכערן טאבאקא און נאן-טאבאקא פראדוקטן, און נוצן אי-ציגארעטלעך אין אינעווייניגסטע אלגעמיינע פלעצער.*

- ☐ אינעווייניג פון רעזידענשל יוניטס
- ☐ אינדרויסן פון פלעצער וואס זענען א טייל פון רעזידענשל יוניטס, אריינרעכענענדיג באלקאנען, פעטיאס און פארטשעס
- ☐ דרויסנדיגע אלגעמיינע פלעצער, אריינרעכענענדיג שפיל פלעצער, דעכער, שווים פלעצער, פארקינג פלעצער, און באלקאנען, הויפן, פעטיאס, פארטשעס וואס יעדער נוצט
- ☐ אינדרויסן ביז 15 פיס פון אריינגאנג, ארויסגאנג, פענסטערס און לופט אריינעמען יוניטס אויף פראפערטי גראונדס
- ☐ אנדערע פלעצער/אויסער:

________________________________

*רענט-סטאביליזירטע און רענט-קאנטראלירטע יוניטס קענען זיין ארויסגעלאזט פון א פאליסי וואס האלט צוריק פון רייכערן אינעווייניג אין רעזידענשל יוניטס אויסער אויב עקזיסטירנדע טענענט שטימט צו צו די פאליסי שריפטליך.

## מוסטער פאליסי אויף רייכערן פאר רעזידענשל געביידע

**אנקלאגע פראצעדור**
אנקלאגעס וועגן רויך וואס דרינגט אריין אין א רעזידענשל יוניט אדער אלגעמיינע פלאץ זאל גלייך ווערן איבערגעגעבן פאר די אייגנטימער/מענעדשער אנגעגעבן דא _______________________________. אנקלאגעס זאלן געגעבן ווערן שריפטליך און זאלן זיין וואס פונקטליכער, אריינגערעכנט דעם דאטום, אומגעפערע צייט, לאקאציע וואו מען האט באמערקט רויך, געביידע אדרעס, באשרייבונג פון אינצידענט און קענטיגע מקור פון רויך.

---

**באשטעטיגונג און אונטערשריפטן:**
איך האב געליינט דעם פאליסי אויף רייכערן באשריבן אויבן, און איך פארשטיי אז די פאליסי גייט אן אויף דעם פראפערטי. איך שטים צו אויסצופאלגן דעם פאליסי וואס איז באשריבן אויבן.

פאר רענטל יוניטס, פארשטיי איך אז ברעכן די רייכערן פאליסי קען זיין א פארלעצונג פון מיין ליעס. פאר קאנדאמיניומס, קאאפעראטיווס אדער אנדערע פארמאגטע יוניטס, פארשטיי איך אז פארלעצונגען פון די פאליסי אויף רייכערן קען ווערן אדרעסירט לויט די געביידע'ס רעגירנדע געזעצן.

אייגנטימער/מענעדשער'ס נאמען פרינט _______________________________

אייגנטימער/מענעדשער'ס אונטערשריפט _______________________________ דאטום ____________

טענענט'ס נאמען פרינט _______________________________

טענענט'ס אונטערשריפט _______________________________ דאטום ____________